פערלאג דאס נייעס לעבען

י. ט. א. פ.

# דער
# פארבערייטענדער צוזאמענפאהר
## פון פועלי־ציון פסח תרס"ה.

פרייז 5 קאפ׳ 10

ווילנא — 1906.

דרוקעריי וויטווע און געברידער ראם.

# Предварительный съѣздъ сіонистовъ.

Издательство „Досъ Найэсъ Лэбенъ".

Типографія „Вдова и братья Роммъ", Вильна.
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств домъ № 1/2.
1906.

שוין פיעל מיה איז אוועקגעליינט געווארען אום צו שאפען א שטענדיגע פאַרבינדונג צווישען פערשיעדענע אגודות „פועלי ציון", וועלכע זיינען ביי היינטיגע טאג ציזאווארפען כמעט איבער דער גאנצער וועלט. אייניגע מאל איז שוין אזא פערבינדונג כמעט וויא געשאפען געווארען, נאר ביזהער האט עס אלץ קיין קיום נים געהאט, און צוליעב דעם פערנעהמען נאך נים די „פועלי ציון" אין דער יודישער געזעלשאפט דעם וויכטיגען ארט, וועלכען זיי האבען געקענט פערנעהמען נאך זייער יעצטיגער צאהל און נאך דער ענערגיע, מיט וועלכער זיי ארבייטען.

די אגודות „פועלי ציון", וועלכע געפינען זיך יעצט כמעט אין אללע שטעדט פון דער „טשערטא", וויא אויך אין פיעלע שטעדט אויסער דער „טשערטא" און אפילו אין אויסלאנד, זיינען נים ארויסגעקומען איינע פון די אנדערע. נאר אין איינצעלנע פאללען זיינען די גרינדער פון דער אגודה געוועזען מענשען, וועלכע האבען שוין פריהער געהערט צו אנ'אגודה „פועלי ציון" אין אנ'אנדער שטאדט. דאס רוב אבער זיינען די אגודות „פועלי ציון" אויסגעוואקסען פון זיך אליין, דאס הייסט יעדע אגודה האט זיך געבילדעט זעלבסטשטענדיג, נים אונטער דער ווירקונג פון אנ'אנדער אגודה. אפילו ביי היינטיגען טאג, ווען דאס רוב אגודות „פועלי ציון" ווייסען שוין וועניגסטענס איינע פון די אנדערע, ווערען נאך אויך גאנץ אפט „ענטדעקט" נייע אגודות „פועלי ציון", פון וועלכע קיינער האט נאך ביזהער נים געוואוסט.

די גרינדער פון די אלע אגודות זיינען דאס רוב געווען איינפאכע ארבייטער. די אינטעליגענץ איז זיי נאר זעלטען געקומען צו הילף. דאס רוב אינטעליגענטען, וועלכע זיינען אין די ערסטע יאהרען צוגעשטאנען צום ציוניזמוס, זיינען געווען מענשען, וועלכע זיינען שוין ארויס פון די יונגע יאהרען, מענשען, וועלכע האבען זיך שוין אריינגעצויגען אין די בורזשואזע קרייזען. דיעזע אינטעליגענטען האבען נים געקאנט און נים געוואלט ווירקען צווישען דער יודישער ארבייטער-מאסע. אייניגע פון זיי האבען זיך גאר געשראקען צום ציוניזמוס אזא אונרוהיגען עלעמענט, ווי יונגע ארבייטער, און אפילו די, וועלכע האבען זיך דערפאר נים געשראקען, האבען אויך נים געהאט בכח אויפצוטאן עפּיזאס וויכטיגעס צווישען דער יודישער ארבייטער-מאסע. די יונגע אינטעליגענץ אבער איז מיט עטליכע יאהר צוריק אסך ווייטער געווען פון ציוניזמוס, ווי יעצט. דעריבער האבען ביי „פועלי ציון" כמעט אומעטום אויסגעפעהלט אינטעליגענטע קרעפטען. אין פיעלע אגודות „פועלי ציון" קומט מען נאך יעצט אויך אויס אהן אינטעליגענטען, און אפילו דא, וואו זיי זיינען

פאראן, זיינען זיי דאס רוב צוגעשטאנען שפעטער, בעת די בעוועגונג איז שוין אביסעל אויסגעוואקסען.

די ענטוויקלונג פון „פועלי ציון" איז ביזהער געגאנגען, ווי אפ זיטער פראצעס וואס אליין טוט זיך פון זיך אליין, מיט אשטרענגער נאטווענדיגקייט און אונפערמייד-ליכקייט, אבער נישט נאך אנ׳אנגעצייכענטען פלאן און פריהער אויסגעארבייטען פראגראם. אללע בעדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פיר דעם ערפאלג פון אבעוועגונג, האבען דא געפעהלט. אינטעליגענטע קרעפטען זיינען געווען זעהר ווייניג. קיין ציוניסטישע ליטעראטור פיר ארבייטער איז ניט געווען, די מינדליכע אגיטאציאן האט זיך געפיהרט אהן אפלאן און סיסטעם; יעדערער פלעגט אגיטירען, וויא איהם פלעגט ארוף אויפ'ן זינען, יעדערען פלעגט אויסקומען אנהייבען פון דאס נייע, ענטוויקלען אנ׳אייגענע טהעאריע, אום צו בעגרינ-דען דעם ציוניזמוס. אין דערזעלבער צייט אבער פלעגען אונז די געגנער פערפלייצען מיט פערשידענע בלעטלאך און בראשורען, וואו מען פלעגט אונז פערווארפען מיט בלאטע, וואו מען פלעגט כלומרשט מאכען אש פון דעם ציוניזמוס און אויפ ווייזען, אז דאס איז ארײן בורזשואזע בעוועגונג. און דאך איז די צאהל פון די „פועלי ציון" פון טאג צו טאג געוואקסען, און די בעוועגונג האט זיך פערשפרייט איבער דער גאנצע יודישער וועלט. דאס אליין איז אשטארקער בעוויז פיר די לעבענספעהיגקייט פון דעם ציוניזמוס. אבעוועגונג, וועלכע האט זיך אזוי שטארק ענטוויקעלט אונטער אזעלכע שווערע בעדינגונגען, מוז האבען זעהר טיפע ווארצלען אין לעבען. זעהר וויכטיגע פאקטארען האבען געמוזט ארויסרופען דיעזע בעוועגונג, ווען זי האט געקאנט וואקסען, נישט האבענדיג די נויטיגע מיטלען צו איהר אונטערהאלטונג. זעהר ווייניג איז געטאן געווארען אום צו ערקלערען דעם יודישען פראלעטאריאט די נויטיגקייט פון דעם ציוניזמוס, און דאך האט אגרויסער טייל פון איהם אינסטינקטיוו פערשטאנען, אז די ערלייזונג פון גלות, די ערווערבונג פון אבעזונדער טעריטאריע פיר דעם גאנצען יודישען פאלק, — דאס מוז זיין די ערסטע טרעפ צו דער בעפרייאונג פון יודישען פראלעטאריאט.

די וואקסענדע צאהל פון „פועלי ציון" האט בעוויזען, אז דער ציוניזמוס*) איז אהיסטארישע נאטווענדיגקייט, און דיעזע היסטארישע נאטווענדיגקייט, וועט פריהער שפעטער ברייננגען צום ציוניזמוס אויך די טיילען פון יודישען פראלעטאריאט, וועלכע שטעהען נאך דערווייל פון ווייטען.

אבער ווי גרויס עס זאל נישט זיין די היסטארישע נאטווענדיגקייט, וועלכע האט ארויסגערופען אגעוויסע בעוועגונג, איז דאס אליין נאך אלין ווייניג. עס איז נויטיג, אז די מענשען, וועלכע בעטייליגען זיך אין דער בעוועגונג, זאלען דיעזע היס-טארישע נאטווענדיגקייט גוט פערשטעהען. נישט קוקענדיג אויף די אונפערמיידליכקייט און געזעצמעסיגקייט פון אללע היסטארישע ערשיינונגען, איז אהיסטארישער פראצעס פאררט נישט גלייך צו אפיזישען פראצעס, וואו עס ווירקען נאר בלינדע קרעפטען.

---

*) מיר בענוצען דא דעם ווארט „ציוניזמוס" אין זיין אורשפרינגליכער בעדיי-טונג, ד. ה. אין דעם זין פון טעריטאריאליזמוס, נישט אין דער ספעציפישער בעדייטונג פון ראמאנטישער ליעבע צו ציון, וויא עס איז אנגענומען געווארען אויפ'ן זיעבעטען קאנגרעס.

אהיסטארישער פראצעס קומט פאר צווישען דענקענדע און בעוואוסטזיניגע בעשעפעניסען, צווישען מענשען, און עס איז זעהר וויכטיג, אז די מענשען, וועלכע די זאך איז נוגע, זאלען האבען פאר זיך אקלארען ציעל, דאס הייסט, זיי זאלען וויסען, וואוהין דער היסטארישער פראצעס פיהרט זיי און מיט וועלכע וועגען מען וועט קומען צום ערווארטעטען ציעל. אין יעדע געזעלשאפטליכע בעוועגונג מוז אלזא אריינגעטראגען ווערען דער עלעמענט פון בעוואוסטזיין און צוועקמעסיגקייט. יעדע בעוועגונג מוז האבען איהרע טהעארעטיקער, וועלכע זאלען די בעוועגונג ערקלערען און בעגרינדען. אויב ניט, מוזען פארקומען שוואנקונגען, דורך וועלכע די בעוועגונג ווערט אויף אגעוויסע צייט אבגעשטעלט אדער זי נעהמט אן אפאלשע ריכטונג, און דער רעזולטאט, וועלכער מוז סוף כל סוף דערגרייכט ווערען, קומט אן אסך שפעטער און פאדערט אסך מעהר מיה און אפפער...

אין דער ציוניסטישער ארבייטער־בעוועגונג איז דיעזער עלעמענט פון אנהייב געווען שוואך. די טהעארעטישע בעגרינדונג האט כמעט געפעהלט, און דעריבער האט זיך די בעוועגונג נאך אלץ ניט געשטעלט אויף די פיס, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די צאהל פון איהרע אנהעגנער איז אזוי אויסגעוואקסען.

נאך אויפ'ן ערסטען צוזאמענפאהר פון „פועלי ציון", וועלכער איז געווען סוף יאהר 1901, איז אנערקענט געווארען די נויטיגקייט צו שאפען אשטענדיגען ארגאן, וועלכער זאל טהעארעטיש בעגרינדען דעם ציוניזמוס און ערקלערען זיין בעדייטונג פיר דעם יודישען פראלעטאריאט, אנ'ארגאן, וועלכער זאל בעלייכטען פון ציוניסטישען שטאנדפונקט אללע ערשיינונגען פון ארומיגען לעבען און זאל איסדריקען די מיינונגען פון „פועלי ציון" וועגען אללע פראגען, מיט וועלכע מיר קומען נאר אין בעריהרונג. ווען דער ארגאן וואלט דאמאלס געגרינדעט געווארען און ער וואלט ערפילט זיין אויפגאבע וויא עס דארף צו זיין, וואלטען מיר שוין געוויס געהאט אשטארקע ארגאניזאציע פון „פועלי ציון", וועלכע וואלט פערנעהמען זעהר אוויכטיגען ארט ניט נאר אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, נאר אין דער גאנצער יודישער וועלט בכלל.

אבער דער צענטראל־קאמיטעט, וועלכער איז דאמאלס אויסגעקליבען געווארען, איז געווען צו שוואך אום דורכצופיהרען אין לעבען דעם בעשלוס וועגען אנ'ארגאן. ער האט ניט געהאט בכח צו שאפען מיט זיינע קרעפטען די נויטיגע מיטלען, ווייל איהם האט דערצו געפעהלט דער מוט און די ערפאהרונג. די גאנצע האפנונג האט ער געלייגט אויף דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע, צו וועלכער ער האט זיך ניט איין מאל געווענדעט מיט דער בקשה, מען זאל איהם העלפען ארויסגעבען ציוניסטישע ליטעראטור פיר ארבייטער. די פארשטעהער פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע האבען זיך נאטירליך דערצו פערהאלטען קאלט: זיי האבען קיינמאל ניט אבגעזאגט און קיין מאל ניט צוגעזאגט. אזוי האט זיך די זאך געצויגען, און דער צענטראל־קאמיטעט האט גאר נישט אויפגעטאן אום צו פערווירקליכען דעם געדאנקען וועגען אנ'ארגאן. היינט ווי באלד עס איז ניט דורכגעפיהרט געווארען אין לעבען דער וויכטיגסטער בעשלוס, וועלכער איז אנגענומען געווארען אויפ'ן צוזאמענפאהר, האבען שוין די אללע איבעריגע בעשלוסען פערלארען זייער פראקטישע בעדייטונג. דער ביורא פון צ"ק פלעגט זיך כלומרשט דורכשרייבען מיט די אגודות, נאר די קארעספאנדענץ האט ניט געהאט קיין לעבעדיגען אינהאלט. עס איז ניט געווען קיין

דעאלע זאך, װאס זאל צונויפבינדען די אגודות, און דער צוזאמענהאנג צווישען זיי איז געווארען אלץ שוואכער. אין דער זעלבע־ צייט איז דער אינע־ליכער לעבען פון די אגודות געגאנגען ווייטער. עס זיינען ארויפגעשוואומען נייע פראגען, וועלכע האבען דעם עולם אנגעהייבען שטארק צו אינטערעס־רען. קיין איינענע ליטע־ראטור, וואו די אללע פראגען זאלען בעהאנדעלט ווערען, האבען די „פועלי ציון" נים געהאט, און דעריבער איז גאנץ נאטירליך, ווען איינינע פון זיי זיינען אונטערגעפאלען אונטער דער ווירקונג פון די ארומיגע שטרעמונגען און האבען אנגעהייבען צו בענוצען זיך מיט פארטיגע פארמולעס, וועלכע זיינען גענומען געווארען אויף פראקאט ביי אנדערע פארטייען. דאס אלץ האט נאך מעהר אבגעשוואכט דעם צוזאמענהאנג צווישען די פערשידענע אגודות „פועלי ציון", און אז מען איז אים יאהר 1903 צוזאמענגעקומען אין ווילנא, כדי צונויפצורעדען זיך העגען די וויכטיגסטע פראגען און ווידער פערשטארקען די ארגאניזאציע, האט זיך „אויסגעלאזען פונקט פערקעהרם: די פערשידענהיים פון די מיינונגען האט זיך דאן ערסט ארויסגעוויזען מיט מעהר קראפט, און די פערבינדונג פון פערשידענע אגודות „פועלי ציון", וועלכע האט ביזהער עקסיסטירט אויפ'ן פאפיער איז נאך דעם ווילנע־ צוזאמענפאהר אין גאנצען פאנאנדערגעפאלען.

פון דאמאלס אן האט זיך אין פועלע אגודות „פועלי ציון" אנגעהייבען אנ'איבער־גאנגספאכע. אין די געדאנקען האט געהע־שט א צומישעניס, מען האט זיך איינע מיט די אנדערע געריסען און מען האט נים געוואוסט, אויף וואסע־ וועלט מען איז. אין דע־ צייט, וואס א געוויסער טייל „פועלי ציון", וועלכע האבען פריהער געטראכט וועגען אללע פראגען און האבען אויסגעארביים ביי זיך קלארע מיינונגען, זיינען געבליבען פעסט ביי זייערע איבערציינונגען, אין דערזעלבער צייט האבען אנדערע „פועלי ציון" געביטען זייערע מיינונגען פון טאג צו טאג—זיי זיינען דורכגעגאנגען פיעלע עטאפען, ביז זיי זיינען געקומען צו דעם פונקט, אויף וועלכען זיי האבען זיך דערווייליע אבגעשטעלט (נים אללע האבען זיך איגענטליך אבגעשטעלט אויף דעמזעלבען פונקט. איינינע זיינען אוועקגעגאנגען ווייטער און האבען זיך אין גאנצען אבגעזאגט פון ציוניזם־ם). אין וואס איינענטליך איז בעשטאנען די מחלוקת, אין וועלכע פונקטען איז מען זיך אזוי שטארק פאנאנדערגעגאנגען, אויף דעם געפינען מיר פיר איבעריג יעצט אבצושטעלען זיך, ווייל דאס אלץ איז בעשריעבען אין דער דאמאלינע־ בראשורע פון מינסקער קאמיטעט „די פערשידענע שטרעמונגען ביי פועלי ציון".

כמעט א יאהר צייט האט געדויע־ט די איבערגאנגספאכע, ביז עס איז פארגעקומען אנ'ענדגילטיגע שפאלטונג, און עס האבען זיך אויסגעטיילט צוויי בע־שטימטע ריכטונגען: די נאציאנאלע ריכטונג, וועלכע האט בעקומען איהר אויסדרוק אין דער אויבען דערמאהנטער בראשורע, און די ציוניסטיש־סאציאליסטישע ריכטונג, וועלכע האט בעקומען איהר אויסדרוק אין פערשידענע פראקלאמאציעס און אין דער שפעטער ארויסגעגאנגענער „דעקלאראציאן".

נאך דע־ שפאלטונג האט דער מינסקער קאמיטעט איינענטליך געקאנט צו־נויפרופען א צוזאמענפאהר און שאפען אנ'ארגאניזאציע פון די אגודות, וועלכע האבען אנגענומען די מינסקע־ פראגראם. דער מינסקער קאמיטעט האט זיך אבער נים גע־אילט צו שאפען אזא ארגאניזאציע. די פראקטיק האט בעוויזען, אז א קינסטליכע פערבינדונג צווישען פערשידענע אגודות „פועלי ציון" קען נים האבען קיין קיום, כל

זמן עס וועט ניט זיין די איינציגע רעאלע זאך, וואס קען ווירקליך צונויפבינדען די אלע אגודות, דאס חייסט, כל זמן עס וועט ניט זיין קיין [פארטיי־ארגאן, ארום וועלכען עס זאלען זיך גרופירען אלע לעבעדיגע קרעפטען פון די אגודות. אחוץ דעם האט דער מינסקער קאמיטעט געוואוסט, אז כל זמן מיר וועלען ניט האבען קיין פא־טיי-ליטעראטור, וועלכע זאל אונז שאפען אגרויסען קאנטיגענט פון מענשען מיט קלארע מיינונגען און פעסטע איבערצייגונגען, קענען מיר ניט זיין זיכער, אז די, וואס האבען היינט אנגענומען אונזער פראגראם, וועלען מארגען ניט אום-ביימען זייע־ע מיינונגען אין עס וועט ווידער ניט קומען צו אשפאלטונג. דעריבער האט זיך דער מינסקער קאמיטעט אבגעהאלטען צו שאפען גלייך אנ׳ארגאניזאציע מיט אנ׳אויסגעקליבענעם צענטראל-קאמיטעט אין דאס גלייכען. דאס אלץ האט ער אבגעלייגט אויף שפעטער. דער נאהענטסטער און וויכטיגסטער ציעל, וועלכען דער מינסקער קאמיטעט האט זיך אויעקגעשטעלט, איז בעשטאנען נאר אין איין זאך: ארויסגעבען דערוויילע האטש וויפיעל עס איז ליטעראטור און אויסזוכען די מיטלען אום צו גרינדען מיט דער צייט אשטענדיגען ארגאן.

די ליטע־אטור, וועלכע דער מינסקער קאמיטעט האט ארויסגעגעבען, האט ער פערשפרייט אין אלע שטעדט, מיט וועלכע ער האט נאר געהאט האטש וועלכע עס איז פערבינדונג, און כמעט פון אומעטום האט מען איהם מעהר אדער וויינינער אונטערשטיצט מיט געלדמיטלען. אויף אזא אופן איז פון זיך אליין ווידער בעשאפען געווא־ען אפערבינדונג צווישען אלע אגודות „פועלי ציון", וועלכע זיינען צוגעשטאנען צו מינסק. פון פיעלע ערטע־ האט מען אנגעהייבען דורכצושרייבען זיך מיט׳ן מינסקער קאמיטעט, און די קארעספאנדענץ האט שוין יעצט געהאט אלעבעדיגען אינהאלט: מען האט געפארע־ט פון מינסק ליטעראטור, מען האט פערלאנגט ערקלערונגען וועגען פערשיעדענע פראגען, וועלכע ווערען אין דער ליטעראטור בעהאנדעלט, מען האט אפטמאל ארויסגערופען פון איין ארט אין דעם אנדערען רעדנער אין אגיטאטארען, מען האט זיך מישב געווען וועגען פערשיעדענע פראקטישע פראגען, וועלכע דער לעבען פ־ן די אגודות האט ארויסגערופען און ז. וו. מינסק איז געווארען אגעוויסער מיטעלפונקט נאר דורך דעם, וואס דער דארטיגער קאמיטעט האט א רויסגעגעבען א ביסעל ליטעראטור. דער מינסקער קאמיטעט האט זיך ניט גענומען די רעכט פון אצענטראל־קאמיטעט בנוגע צו די איבעריגע אגודות; ער האט זיך ניט געמישט אין זייע־ אינערליכען לעבען, ער האט ניט קאנטראלירט זייער טהעטיגקייט און האט זיי ניט געגעבען קיין עצ־ת, בעת זיי האבען פון איהם ניט געפאדערט, אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, האט דער מינסקער קאמיטעט געהאט אגרויסען איינפלוס אויף די אלע אגודות, מיט וועלכע ער איז געשטאנען אין פערבינדונג. דאס אלץ האט נאך מעהר פערשטארקט ביי אונז אלעמען דעם געדאנקען, אז די איינציגע זאך, אויף וואס עס קען זיך האלטען אנ׳ארגאניזאציע פון „פועלי ציון" איז די פארטיי־ליטעראטור, און די איינציגע זאך, וועלכע קען ווירקליך אויפבינדען די אגודות, איז אפארטיי־ארגאן, ארום וועלכען עס וועלען זיך ממילא גרופירען אלע אקטיווע קרעפטען, וואס זיינען ביי אונז פאראן: סיי די, וועלכע האבען זיך שוין ארויסגעוויזען, סיי די יעצט נאך פערבארגענע קרעפטען, וועלכע דער ארגאן וועט ערסט ארויסרופען צום לעבען.

דער מינסקער קאמיטעט האט בעשלאסען צוציטרעטען צו דער ארבייט. וועגען

אנ'ארגאן נאר דאן, ווען ער וועט האבען אויף דעם אבעשטימטען פאנר, דאס הייסט ווען עס וועט צינויפגעקליבען ווערען אגעוויסע סימא געלה, וועלכע זאל זיכער'ען די עקסיסטענץ פון דעם ארגאן וויינינגסטענס פיר די ערסטע צייט. איינינע מאנאט פאר פסח האט זיך דער מינסקער קאמיטעט געווענדט צו די בעפריינדעטע אגודות מיט אנ'אויפרוף, אין וועלכען ער האט זיי ערקלערט די וויכטינקייט פין אנ'א־גאן און ער האט זיי פארגעלייגט אנצואווענדען אלע קרעפטען אום צו שאפען די נייטינע מיטלכן.

די אגודות האבען זיך אויף דעם אבגערופען, אין פון פערשיעדענע ערטער האבען אנגעהייבען אנצוקומען געלדסומען מיט דער ספעציעלער בעשטימונג, אז דאס זאל געהען אויף אנ'ארגאן. אבער די סומען, וועלכע פלעגען אנקומען א־יף דיעזען צוועק זיינען דאך נים געווען בעזאנדערס גרויס, אין עס איז שיוער געווען צו ערווארטען, אז אויף אזא אופן וועט אן גיכען דערגרייכט ווערען דער מונימום, אהן וועלכען עס איז אונמעגליך צוצוטרעטען צ' דער ארבייט. אחוץ דעם האט דאס דערווייליגע אנגעמאכט געוויסע שוויעריגקייטען בנוגע צו די ליטערארישע אויסגאבען, מיט וועלכע דער מינסקער קאמיטעט האט זיך ביזהער פע־נומען. די געלדסומען, וואס זיינען געשיקט געווארען ספעציעל פיר דעם ארגאן, האט דער קאמיטעט קיין רעכט נים געהאט צו פערטאן אויף געהענדינע הוצאות, און קיין אנדערע הכנסות זיינען נים געווען, ווייל אלע פלעגען בעסער בעשטימען דאס געלד איף אדבר של קימא (אויף אשטענדיגע זאך). — דער מינסקער קאמיטעט האט דאן געפינען פיר נייטיג צונויפצורופען די פארשטעהער פון די גרעסע־ע אגודות אין איבערהויפט די אקטיווע קרעפטען פין אונז, אום צו מישב זיין זיך הויפטזעכליך וועגען פאלגענדע ריין פראקטישע פ־אגען: א) ווי אזוי צו פערגרעסערען די הכנסות, אז מען זאל קענען גיכער צוט־עטען צו אנ'ארגאן? ב) צו זאל דער מינסקער קאמיטעט דערווייליגע אב־שטעלען זיין ליטערארישע טהעטיגקייט אדער ער זאל זי פארטזעצען, ביז דער ארגאן וועט געגרינדעט ווע־ען? ג) צי עס איז שיין צייט צו טראכטען וועגען אפעסטע ארגאניזאציע מיט אצענטראל-קאמיטעט אן דער שפיץ? דיעזער צוזאמענפאהר איז געווען פסח תרס"ה. פון די גרעסערע שטעדט זיינען דא געווען פערטרעטען מינסק, גראדנא, ביאליסטאק, ווילנא, מאהילעוו, באברויסק, באריסאוו און באקי.

דער צוזאמענפאהר האט אייגענטליך נעדארפט זיין אריין-פראקטישער. פרינציפיעלע פראגען האבען דא גאר נים געדארפט בעהאנדעלט ווערען. אין דער אמת'ן, אצוזאמענפאהר איז נים דער א־ט פיר דעבאטען וועגען פרינציפיעלע פראגען. ווען מענשען מיט פעסטע איבערצייגונגען (און נאר פון אזעלכע — דארף בעשטעהן אצוזאמענפאהר) געהען זיך פאנאנדער אין פ ר י נ צ י פ י ע ל ע פראגען, איז קיין סברה נים, אז אין פערלויף פון איינינע טעג זאלען זיי איינער דעם אנדערען איבער־צייגען און קומען צו אנעמיינשאפטליכען בעשלוס. אצוזאמענפאהר האט אזין נאר דאן, ווען עס קומען זיך צונויף מענשען, וועלכע האבען פאר זיך אלע איין בעשטימטען אין קלארען ציעל, און מען דארף זיך נאר צונויפריידען וועגען די מיטלען, מיט וועלכע דער ציעל זאל דערגרייכט ווערען. נעהמט מען זיך אבער פאנאנדער אין פרינציפיעלע פראגען, דאן קען מען פיהרען וועגען דעם ויכוחים אין דער ליטעראטור, אויף פערשיעדענע פערזאמלונגען, אבער נים אויף אצוזאמענפאהר.

אלזא, איידער מען איז צוזאמענגעקומען, האט מען זיך פארגעשטעלט, אז דער צוזאמענפאהר וועט זיך פערנעהמען נאר מיט ריין-פראקטישע פראגען.

פונדעסטוועגען האט דער ציזאמענפאהר ניט געקאנט אויסמיידען אין גאנצען די בעהאנדלונג פון פרינציפיעלע פראגען. פון איין זייט האט מען געפינען פיר נייטיג אויסצוהערען פערשיעדענע מיינונגען וועגען אלע פונקטען פון אונזער פראגראם, כדי צו זעהען, ווי ווייט מיר זיינען אלע איינינג אין די וויכטיגסטע פונקטען, ווארום אויב עס זאל ניט זיין אזא איינינקייט אין די וויכטיגסטע פונקטען פון דער פראגראם, אויב עס זאל ניט זיין אזא געמיינשאפטליכע פלאטפארם, וואו אלע געהען זיך פאלשטענדיג צונויף, האט דאך קיין זין ניט צו טראכטען וועגען א געמיינשאפטליכער ארגאניזאציע. פון דער אנדער זייט אבער האט מען געמוזט בעטראכטען א נייע פראגע, וועלכע דער לעבען האט פאר אונז ניט לאנג ארויסגעשטעלט, דאס איז די פראגע וועגען אונזערע בעציעהונגען צו די לעצטע געשעהניסען אין רוסלאנד. אונזער פראגראם, וועלכע איז אנגענומען געווארען מיט א יאהר צוריק, האט זיך ניט גערעכענט מיט דער מעגליכקייט פון אזעלכע ערנסטע געשעהניסען אין נאהענטער צייט, און דעריבער איז דארטען ניט ארויסגעזאגט געווארען בפירוש, ווי מיר דארפען זיך האלטען אין אזעלכע מאמענטען.

דער מינסקער קאמיטעט האט בעטראכט די פראגע פון שטאנדפונקט פון אונזער פראגראם און האט ארויסגעזאגט זיינע מיינונגען אין דער ניט לאנג ארויסגעגאנגענער בראשורע „די לעצטע געשעהניסען אין רוסלאנד און אונזערע אויפגאבען". בעת עס איז געווען דער ציזאמענפאהר, איז דיעזע בראשורע נאר וואס ארויסגעגאנגען און די אגודות האבען נאך ניט געהאט קיין צייט ארויסצוזאגען זייערע מיינונגען וועגען די געדאנקען, וועלכע ווערען דארטען דורכגעפיהרט, אויפ'ן צוזאמענפאהר איז אלזא די פראגע בעהאנדעלט געווארען צום ערשטען מאל.

וועגען דער פראגראם בכלל זיינען נאר געמאכט געווארען אייניגע קורצע בעמערקונגען, פון וועלכע עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין דעם וויכטיגסטען פונקט פון דער פראגראם, אין דער בעגרינדונג פום ציוניזמוס זיינען אלע אייניג. מיר קוקען אויפ'ן ציוניזמוס, ווי אויף א פאלקס-בעוועגונג, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דאס שטרעבען פון יודישען פאלק צו ערהאלטען זיין עקסיסטענץ און בעפרייט ווערען פון יעדער אויסערליכען דרוק. דאס, וואס דער יודישער פראלעטאריאט האט ניט קיין צוטריט צו די פאבריקען און בילדעט ניט צוליעב דעם קיין וויכטיגע עקאנאמישע קראפט, דאס, וואס מיר האבען ניט אין גלות די מעגליכקייט צו פיהרען א ברייטען קלאסען-קאמפף, דאס אלץ איז פיר אונז נאר איינע פון די פיעלפאכע ערשיינונגען, אין וועלכע עס ווייזט זיך ארויס דער שטענדיגער אויסערליכער דרוק, אונטער וועלכען מיר געפינען זיך צוליעב דעם, וואס מיר לעבען ניט אויף א בעזונדער טעריטאריע. שטארקער פון אלץ פיהלען מיר נאטירליך דעם עקאנאמישען דרוק, וועלכער ווייזט זיך שטענדיג ארויס אין דעם, וואס יודען ווערען ניט צוגעלאזען צו פערשיעדענע בעשעפטיגונגען, צו פערשיעדענע צווייגען פון עקאנאמישען לעבען. בנוגע צו אונז, פראלעטאריער, דריקט זיך דאס יעצט אויס אין דעם, וואס מיר ווערען ניט צוגעלאזען צו דער פאבריק. אבער דער ציוניזמוס טרעט ארויס ניט נאר געגען איינצעלנע פארמען פון נאציאנאלען דרוק, נאר געגען דעם נאציאנאלען דרוק בכלל, און דיעזער דרוק ווייזט זיך ארויס אין פיעלע פערשיעדענע ערשיינונגען: לעבענדיג צווישען אנדערע פעלקער, מוזען מיר שטענדיג פערנעהמען דעם ארט אין געזעלשאפטליכען לעבען, וועלכע אנדערע ווייזען אונז אן, מיר מוזען זיך שטענדיג רעכענען מיט

דעם. ווי אזוי די אומיגע בעפעלקערונג קיקט אויף אונז; אין בעסטען פאל זיינען מיר געצוואונגען אנצופאסען זיך צו דיעזער בעפעלקערונג און אבזאגען זיך מעהר אדער וויינינער פון אונזערע נאציאנאלע אייגענשאפטען, יעדענפאלס איז אונז אונמעגליך איינצופיהרען די לעבענספארמען, וועלכע זאלען זיין ספעציעל אנגעפאסט צו אונזערע בעדערפניסען, צו אונזער נאציאנאלער פסיכאלאגיע. דאס אלץ האט ביי אונז ארויסגערופען אבעדערפניס צו ערווערבען זיך אזעלבסטשטענדיגע טעריטאריע, וואו מיר זאלען פיהרען אנארמאלען לעבען און פריי ענטוויקלען אלע אונזערע קרעפטען, און אזוי ווי אין דעם זיינען פעראינטערעסירט אויך אנדערע עלעמענטען פון יודישען פאלק, קענען מיר ניט קוקען אויפ'ן ציוניזמ'ס, ווי אויף ארייןפראלעטארישע בעוועגונג, האטש מיר רעכענען דעם פראלעטאריאט פיר דעם וויכטיגסטען און ערנסטסטען טרעגער פון יעדער פאלקס-בעוועגונג.

די זעלבע איינינקייט האט זיך ארויסגעוויזען בנוגע צו די איבעריגע פונקטען פון אונזער פראגראם, אחוץ דער פראגע וועגען פאלעסטינא. דא האט זיך ארויס-געוויזען אגעוויסע מיינונגס פערשיעדענהייט, וועלכע ערקלערט זיך דערמיט, וואס דיעזע וויכטיגע פראגע האט ביי אונז ביזהער פערנומען אסך וויינינער ארט, איידער זי האט געדארפט פערנעהמען. אין דער מינסקער פראגראם ווערט אפילו דייטליך אונטערגעצייכענט דער טעריטאריאליסטישער פרינציפ, אבער אין דער איינלייטונג צו דער פראגראם ווערט די פראגע ווייניג ערקלערט און אין דער ווייטערדיגער ליטעראטור ווערט זי גאר ניט בעריהרט. אין די אגודות האט מען אויך אסך מעהר דעאבאטירט וועגען זייטיגע פראגען, ווי „פאליטישער קאמפף" און ז. וו., איידער וועגען טערי-טאריאליזמוס און פאלעסטינא. און דאס איז געוועזען גאנץ פערשטענדליך: די ערסטע צייט האט מען זיך אלץ געפינען אונטער דעם איינדרוק פון דער שפאלטונג, וועלכע איז פארגעקומען ביי „פועלי ציון", און דעריבער האט מען די גאנצע אויפמערקזאמקייט אנגעווענדעט אויף די פראגען, וועלכע האבען ארויסגערופען די שפאלטונג. ערסט אין דער לעצטער צייט האט מען זיך אנגעהייבען מעהר צו אינטערעסירען מיט דיעזער פראגע, וועלכע האט אריינגעטראגען אזא פירוד אין די רייהען פון די ציוניסטען. און דא האבען זיך „פועלי ציון" וויעדער צוטיילט. ניט נאר צווישען אונז „פועלי ציון" נאציאנאליסטען, נאר אפילו צווישען די ציוניסטען-סאציאליסטען האבען זיך געפונען אנהענגער פון ביידע מיינונגען.

אויף אונזער צוזאמענפאהר איז די מעהרהייט בעשטאנען פון טעריטאריא-ליסטען, אבער דאך האבען זיך דא געפונען אויך אייניגע אנהענגער פון פאלעסטינא. מען האט נאטירליך געפונען פיר צוועקלאז אריינצולאזען זיך איינע מיט די אנדערע אין וכוחים וועגען דער פראגע בכלל: אויף דעם איז ניט דער ארט אויף אצוזאמענ-פאהר. דא האט מען נאר בעטראכט די פראגע: צי איז מעגליך אפראקטישע פער-בינדונג צווישען פערשיעדענע אגודות „פועלי ציון", וועלכע געהען זיך פאנאנדער אין דיעזעם וויכטיגען פונקט. פיר אלעמען איז געוועזען קלאר, אז עס איז אונמעגליך וועלכע עס איז פערבינדונג צווישען די טעריטאריאליסטען און יענע אויסערסטע אנהענגער פון פאלעסטינא, וועלכע קענען בשום אופן ניט אבטיילען דעם ציוניזמוס פון פאלעסטינא, ד. ה. וועלכע זאגען, אז די אויפלעבונג פון יודישען פאלק אדער ווי אנדערע זאגען, די אויפלעבונג פון יודישען גייסט איז אבסאלוט אונדענקבאר

וואו עס איז, אויסער פאלעסטינא. אזא מיינונג שליעסט אויס די מעגליכקייט, אז די אנהענגער פון איהר זאלען זיך אפילו ווען עס איז קענצן צונויפגעהען מיט די טעריטאריאליסטען, אין דעריבער קאן דא נים געמאלט זיין קיין פערבינדונג. אויפ'ן צוזאמענפאהר האט זיך געפונען נאר איין איינציגער אנהענגער פון דיעזער מיינונג, וועלכער האט אבער אין מיטען פערלאזען דעם צוזאמענפאהר. די איבעריגע אנהענגער פון פאלעסטינא האבען ערקלערט, אז קודם כל טהיילען זיי נים אב די אויפלעבונג פון יודישען גייסט פון דער אויפלעבונג פון יודישען פאלק אין עקאנאמישען און פאליטישען זין, און ווייטער איז פיר זיי פאלעסטינא נים די איינציג-מעגליכע לאנד פיר די אויפלעבונג פון יודישען פאלק, נאר די לאנד, אויף וועלכע, נאך זייער מיינונג נאך, מיר האבען מעהר שאנסען, און וואו די פערווירקליכונג פון אונזער אידעאל וועט בעגעגענען ווייניגער שוויריגקייטען, אוידער אין וועלכען עס איז אנדער ארט. וויע באלד די פראגע ווערט אזוי אויסגעשטעלט, איז שוין מעגליך, אז די ריכטיגקייט אדער די פאלשקייט פון דיעזער מיינונג זאל מיט דער צייט אויפגעוויעזען ווערען קלאר פיר אלעמען, אין מען זאל זיך ווען עס איז ווידער צונויפגעהען. דא דארף מען נאר גרינדליך ערפארשען די לאגע פון פאלעסטינא אין די מעגליכקייט פון א גרויסער און פלאנמעסיגער קאלאניזאציע אין פאלעסטינא און אין אנדערע לענדער.

דער צוזאמענפאהר האט געפונען פיר מעגליך א פראקטישע פערבינדונג צווישען די טעריטאריאליסטען און אזעלכע פראקטישע אנהענגער פון פאלעסטינא, און נאך דעם, ווי מען האט אויסגעהערט ביידע צדדים, זיינען איינשטימיג אנגענו-מען געווארען פאלגענדע 3 פונקטען:

1) מיר אנערקענען, אז דער ציוניזם דארף לייזען די יודענפראגע אין פולען זין פון דעםווארט: סיי אין נאציאנאל-עקאנאמישער, סיי אין נאציאנאל־פאליטישער און גייסטיגער הינזיכט.

2) מיר זיינען איבערצייגט, אז די אויפלעבונג פון יודישען פאלק און די ענטוויקלונג פון זיין נאציאנאלער קולטור וועט פארקומען אין דעם ארט, וואו די יודישע בעפעלקערונג וועט בילדען די מעהרהייט און זי וועט אליין אויספיהלען אללע פונקציאנען פון עקאנאמישען און געזעלשאפטליכען לעבען.

3) אזוי וויע איינינע פון אונזערע חברים גלויבען, אז די פערווירקליכונג פון אונזער אידעאל איז אין פאלעסטינא מעגליכער, אוידער אין אנ'אנדער ארט, דארף וועגען דעם געפעגנט ווערען א פרייע דיסקוסיע אין אונזער פארטיי-ליטעראטור*).

* * *

לעבהאפטע דעבאטען האט ארויסגערופען די נייע פראגע, אויף וועלכע מיר האבען פריהער אנגעוויזען. די בראשורע פון מינסקער קאמיטעט „די לעצטע

*) דיעזער בעשלס האט פערלארען זיין פראקטישע בעדייטונג נאכן זיעבעטען קאנגרעס, ווען די טעריטאריאליסטען זיינען אין גאנצען אויסגעשלאסען געווארען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. פון דאמאלס אן איז פיר די „פועלי ציון"—טעריטאריאליסטען אינמעגליך געווארען צו בלייבען אין פערבינדונג אפילו מיט די פראקטישע פאלעסטינער, וועלכע האבען דאן געטוזט ארויסטרעטען פון דער פארטיי. די פארטיי איז געווארען אלזא א ריין טעריטאריאליסטישע, און דעריבער האט זי אנשטאט דעם פריהערדיגען נאמען—„פועלי ציון" אנגעהייבען צו רופען זיך „יודישע טעריטאריאליסטישע ארבייטער פארטיי"

געשעהניסען אין רוסלאנד אין אונזערע אויפגאבען" האט ניט אללעמען צ פריעדען געשטעלט, חאטש אללע זיינען געוועזען איינשטימיג מיט די פראקטישע שלוסען, צו וועלכע די בראשורע קומט.

די גרונד-געדאנקען פון דיעזער בראשורע דריקען זיך אויס אין פאלגענדעם: מיר לעבען יעצט איבער אין רוסלאנד א וויכטיגע עפאכע, וואו מיר קענען זיך אללע טאג ריכטען אויף זעהר ערנסטע געשעהניסען. צו דיעזע געשעהניסען קענען מיר זיך ניט פערהאלטען אינדיפערענט, מיר קענען ניט אבשטעהען פון דער ארומיגער בעפעלקערונג, בעת זי טרעט ארויס אין אן׳אפענעם קאמפף געגען דער יעצטיגער ארדנונג. מיר מוזען אונטערשטיצען דעם קאמפף, וויע וויים מיר קענען. אין דערזעלבער צייט דארפען מיר געדענקען, אז די רוסישע געשיכטע קען געמאכט ווערען נאר דורך דעם רוסישען פאלק. מיר אבער קענען דא ניט שפיעלען די ראללע פון אנפיהרער, מיר קענען ניט נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע, מיר קענען זיך ניט רעכענען פיר די הויפט־טרעגער פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער בעוועגונג.

ואס בעלאנגט אינזער לאגע, אלס יודען, קענען מיר, פערשטעהט זיך, ניט ערווארטען קיין ראדיקאלע הלף פון דער רעוואלוציע. די יודען ווערען אינטערדריקט אויך אין די לענדער מיט פאליטישער פרייהייט, און עס איז קיין שום ספק ניט, אז אין רוסלאנד וועלען די ספעציעל־יודישע צרות מיט דער פאליטישער אימענדערונג אויך ניט אויפהערען. צי וועט אונזער לאגע, וויע יודען, חאטש וויפיעל עס איז פערבעסערט ווערען ביי דער נייער ארדנונג, צי וועלען וויינינגסטענס אבגעשאפט ווערען די שרעקליכסטע אויסנאהמס געזעצען, וועלכע פערפינסטערען אזוי פיעל אינזער לעבען, דאס קען מען נאך אויך ניט זאגען בעשטימט. עס איז אויף דעם דא א גרויסע וואהרשיינליכקייט, מיר האבען אבער אויף דעם ניט קיין שום גאראנטיע, ווייל מיר וועלען קיין מאל ניט פארשטעלען מיט זיך אזא וויכטיגע מאכט, אז מיר זאלען קענען צווינגען די רוסישע געזעלשאפט צו ערפילען אנזערע פאדערונגען. אבער דאס הייסט ניט, אז מיר דארפען דאס לאזען געהען, וויע עס געהט, מיר דארפען טאן פון אונזער זייט, אלץ, וואס מיר קענען. ביי דער יעצטיגער ארדנונג אין רוסלאנד שפיעלט די עפענטליכע מיינונג קיין שום ראלע ניט, ביי דער קיטענדיגער ארדנונג וועט זי אבער שפיעלען די וויכטיגסטע ראלע, און דעריבער דארפען מיר ווי ווייט מעגליך ווירקען אויף דער עפענטליכער מיינונג אין רוסלאנד. מיר דארפען איבערהויפט אנווענדען אלע קרעפטען אום צו ערגרייכען אלץ, וואס איז נאר מעגליך צו ערגרייכען, און דא דארפען מיר שוין אנווענדען א גאנץ אנדער טאקטיק, איידער בנוגע צו די אלגעמיין־רוסישע פאדערונגען. דארטען דארף די איניציאטיווע ארויסגעהען ניט פון אינז, דארטען קענען מיר ארויסטרעטען נאר צוזאמען מיט אנדערע, דא אבער מוזען מיר אויף זיך נעהמען די איניציאטיווע און ארויסטרעטען, וויע א זעלבסטשטענדיגע גרופע. די פערטיידיגונג פון אונזערע ספעציעל-יודישע אינטערעסען קענען מיר קיינעם ניט געטרויען, מיר קענען זיך דא ניט פערלאזען אויף קיינע אלגעמיינע פאליטישע פארטייען, דא דארפען מיר שטענדיג ארויסטרעטען אפען, ווי יודען, און ריידען אים נאמען פון אונזערע ספעציעל־יודישע אינטערעסען.

דיעזע נר נר געדאנקען פון דער בראשורע האבען ניט געפינען קיין ווידער־

שפרוך אופ'ן צוזאמענפאהר. דער קריטיקער פון די בראשירע האבען נאר אנגעוויזען אויף די איינזייטיגקייט, מיט וועלכער עס ווערט דארטען בעגרינדעט א'נזער אנטייל אים פאליטישען קאמפף. אין דער בראשורע ווע'ט בעזאנדערס אונטערגעצייכענט דער פסיכאלאגישער מאמענט, די א'נמעגליכקייט פיר אונז צו שטעהען פון ווייטען, בעת פאר א'נזערע אייגען געהט פא'ר א בלוטיגער קאמפף. די אוטיליטא'רישע זייט פ'ן דע־ פראגע ד. ה. דער פראקטישער נוצען, וועלכע. אונז וועט ברייגגען די פאליטישע א'מענדערונג אין רוסלאנד, דאס ווערט ניט א'רויסגעשטעלט, ווי א מאטיוו פיר אונזער אנטייל אים פאליט'שען קאמפף. אלזא קען מען מיינען, אז מיר זעלבסט זיינען אייגענטל'ך גאר ניט פערא'נטערעסירט אין דעם, וועלכע ארדנונג עס וועט הע'רשען אין רוסלאנד, אין דאס איז ניט ריכט'ג, ווייל די פאליטישע ארדנ'נג פ'ן וועלכע' עס איז לאנד האט א גרויסע פראקטישע בעדייט'נג פיר אלע איינוואהנער פ'ן דיעזע־ לאנד, אפילו פ'ר די, וועלכע קענען זיך דא ניט פיהלען, ווי ביי ז'ך אין דער היים. מיר ווייסען ניט, צי מיר וועלען אין דער בעפרייטער רוסלאנד בעק'מען פאלקאמענע גלייכבערעכט'גונג, ניט ריידענדיג וועגען ו י כ ט י ג ע נאציאנאלע רעכט, וועלכע קענען איבערהויפט ניט פע־ווירקליכט ווערען אין גלות. נאך מעהר, מיר ווייסען גאנץ גוט, אז אפילו בעת מיר וועלען בעק'מען בירגע'־ ליכע אין פאליט'שע רעכט, וועלען פיעלע פון זיי בלייבען נא'ר א'יפ'ן פאפיע'ר, אין מיר וועלען זיי בשום אופן ניט קענען אויסנוצען אויף אנ'אמת. אבער מיט אזעלכע אלגעמיינע גיטער, וויע פרייהייט פון ווארט א'ין פערזאמלונגען, וועלען מיר זיך יעדענפאלס געווים קענען בענוצען, און דאס אליין איז שוין עטוואס ווערט. אויסע'־ דעם וועלען מיר דאך עטוואס געווינען דערפון, וואס די נייע ארדנינג וועט אויפ־ הייבען דעם עקאנאמישען צושטאנד פון רוסלאנד, ווארום עס איז קיין שום ספק ניט, אז די שרעקליכע ארימקייט, וועלכע הערשט יעצט אין גאנץ ריסלאנד, ר'פט זיך אויך אב גאנץ שטארק אויף דער עקאנאמישער לאגע פון דער תיענער יודישער בעפעלקערונג, און אזוי וויע עס איז ניטא קיין אויסזיכט, אז מיר זאלען רוסלאנד א'ין ג י ב ע ן פערלאזען, זיינען מיר פעראינטערעסירט אין דער עקאנאמישער א'יפלעבינג פון דער לאנד, וועלכע איז ענג פערבונדען מיט דער פאליטישער ארדנונג. פון דעם אלץ געהט ארויס, אז עס איז דא א פראקטישער מאטיוו פיר א'נזער אנט'יל אים פאליט'שען קאמפף, און דיעזער מאטיוו האט גע'דא־פט א־ויס־ ־געשטעלט ווערען. די א'רויסגעבער פ'ן דער בראשורע האבען ערקלערט, אז זיי מיינען נאר ניט אבצולייקענען דעם פראקטישען נוצען, וועלכען מיר וועלען האבען פון דער פאליטישער אומענדערונג, זיי' געפינען אבער ניט פיר מעגליך ארויסצו־ שטעלען דאס, וויע א מאט'וו פיר אונזער אנטייל אים פאליטישען קאמפף, ווייל די אלע פער'בעסערונגען אין אונזער לאגע, וועלכע מ'ר קענען ע'רווארטען פון דער נייער ארדנונג, קענען א י ן א ו נ ז ע ר ע א ו י ג ע ן ניט האבען קיין גרויסען ווערט, כל זמן די יודענפראגע בכלל בלייבט אונגלייזט. פיר אונז, יודען, וועלכע עס פעהלט א סך וויכטינערעס, וויע פאליטישע פרייה'יט, פיר אונז, וועלכע האבען ניט דאס ערסטע און דאס נייטיגסטע צו זייער עקסיסטענץ—א פעסטען און זיכערען באדען, פיר אונז זיינען די אלע שלעכטע זייטען פון דער יעצטיגער פאליטישער א'רדנונג אין רוסלאנד נאר קלייניגקייטען אין פערגלייך מיט די אינענדליכע ליידען, וועלכע שטאמען פון אונזער גלות־צושטאנד און זיינען דעריבער ניט פערב'נדען מיט דיעזער

אדער יענער אורדנונג אין רוסלאנד. מיר וועלען ניט פיהלען קיין ערלייכטערונג, ווען מיר וועלען בעפרייט ווערען פון דעם יאך פון דער זעלבסטהערשינג, ווייל דער יאך פון דעם גלות וועט אונז דריקען ווייטער, וויע פריהער. דער פאליטישער קאמפף פאדערט זעהר גרויסע אפפער, און אויב די אפפער זאלען געבראכט ווערען אים נאמען פון אונזערע אינטערעסען, דארפען דאס זיין די וויכטיגסטע און העכסטע אינטערעסען פון אונזער לעבען. רופען אבער די יודישע מאסע צום קאמפף אים נאמען פון איהרע אינטערעסען אין דער צייט, ווען מיר זיינען איבערצייגט, אז אינזער וויכטיגסטע לעבענספראגע וועט דורך דיעזען קאמפף ניט געלייזט ווערען, דאס איז ניט גאר פאסענד...

נאך לאנגע דעבאטען וועגען דיעזער פראגע האבען כמעט אלע מסכים געווען דערצו, אז עס דארף אויך אנגעוויעזען ווערען דער פראקטישער מאטיוו, נאך דעם זיינען איינשטימיג אנגענומען געווארען פאלגענדע פונקטען:

1) די לעצטע געשעהניסען האבען בעוויעזען, אז אין רוסלאנד הייבט זיך אן א נייע עפאכע, וועלכע וועט זיך ענדיגען מיט דער אימענדערונג פון דער יעצטיגער פאליטישער ארדנונג.

2) די פערבעסערונג פון דער אלגעמיינער לאגע אין ריסלאנד, וועלכע וועט קומען מיט דער נייע ארדנונג, האט פיר אונז, וויע איינוואהנער פון רוסלאנד, אגעוויסע פראקטישע בעדייטונג.

אויסער דעם איז פיר א פארטיי מיט בעשטימטע פאליטישע איבערצייגונגען אין אזעלכע מאמענטען איבערהויפט אונמעגליך צו פערהאלטען זיך גלייכגילטיג צו דעם, וואס קומט פאר ארום איהר.

דעריבער קענען מיר אין אזעלכע ערנסטע מאמענטען פון פאליטישען קאמפף ניט אבשטעהען.

3) מיר זיינען איבערצייגט, אז קיינע פאליטישע פערענדערונגען אין רוסלאנד וועלען ניט פערבעסערען אינזער לאגע אויף אזוי פיעל, אז דאס זאל ביי אונז אבשוואכען די נייטיגקייט צו ערווערבען זיך א זעלבסטשטענדיגע טעריטאריע.

4) ניט קיקענדיג אויף דעם, דארפען מיר אנווענדען אלע מיטלען דערצו אז די פאליטישע איטענדערונג אין רוסלאנד זאל וויע ווייט מעגליך אונזער לאגע, וויע יודען, פערבעסערען.

מיר דארפען אויסנוצען יעדע געלעגענהייט אום אינטערצוטייכענען אונזערע ספעציעל-יודישע פאדערונגען אין בעווייזען דער ארומיגער געזעלשאפט, אז וויע מענשען, האבען מיר דאס רעכט אויף פאלשטענדיגע בירגערליכע און פאליטישע גלייכהייט אין געזיכערטע נאציאנאלע פרייהייט.

5) ניט פארשטעלענדיג מיט זיך קיין וויכטיגע געזעלשאפטליכע מאכט, קענען מיר זיך ניט רעכענען פיר די טרעגער פון דער רוסישער רעוואלוציע און מיר קענען ניט נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע.

ניט ערוואַרטענדיג פון דער רעוואלוציע קיין ראדיקאלע לייזונג פון דער ורענפראגע און האבענדיג פאר זיך א בעזונדערע היסטארישע אויפגאבע, קענע מיר זיך ניט פערנעהמען מיט פארבערייטענדער ארבייט צו דער רעוואלוציע.

מיר קענען נאר די בעוועגינג אינטערעסיצען, בעת די איניציאטיוו נעהט ארויס פון דער היימישער בעפעלקערונג.

6) ווי א זעלבסשטענדיגע געזעלשאפטליכע גרופע טרעטען מיר, יודען, ארויס נאר דא, וואו עס קומט אויס צו פערטיידיגען אונזערע ספעציעל-יודישע אינטערעסען. אין דערינען קענען מיר זיך ניט פערלאזען אויף קיינע אלגעמיינע פאליטישע פארטייען, נאר מיר מוזען זעלבסשטענדיג ארויסטרעטען ווי פארשטעהער פון יודישע אינטערעסען.

מיט דיעזע 6 פונקטען ווערען פערביטען די 5 פונקטען פון אבטיילונג 8 אין אונזער פראגראם. אלע איבעריגע טיילען פון אונזער פראגראם זיינען אנערקענט געווארען פון צוזאמענפאהר אהן וויכטיגע פערענדערונגען

* * *

דערמיט האבען זיך געענדיגט די פערהאנדלונגען וועגען פרינציפיעלע פראגען, און מען איז איבערגעגאנגען צו ריין פראקטישע פראגען.

צוערסט איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע ווי אזוי צו פערגרעסערען די הכנסות פון ליטעראטור-פאנד אויף אזוי פיעל, אז מען זאל אין גיכען קענען צו-טרעטען צו גרינדען אנ׳ארגאן. וועגען דעם זיינען אנגענומען געווארען איינינע וויכטיגע בעשלוסען, וועלכע מיר נעפינען פיר איבעריג צו פערעפענטליכען, ווייל דאס איז ניגע נאר די קאמיטעטען פון די אגידות.

וועגען די ליטערארישע אויסגאבען, מיט וועלכע עס האט זיך ביזהער פער-נומען דער מינסקער קאמיטעט, איז בעשלאסען געווארען ניט אבצושטעלען זיי דערוויילע, נאר איבערגעבען די זאך אין די הענד פון דעם צענטר, וועלכער וועט יעצט אויסגעקליבען ווערען.

עס איז אוועקגעשטעלט געווארען די פראגע וועגען דעם, וואס פיר א צענטר זאל יעצט געשאפען ווערען: צי דאס זאל זיין א צענטראל-קאמיטעט מיט אלע רעכט, וועלכער אזא אינסטיטוט האט (קאנטראלירען די טהעטיגקייט פון די אגודות, געבען זיי בעפעהלען א. ז. וו.), אדער עטוואס אנדערש. עס איז ארויס-געזאגט געווארען די מיינונג, אז פריהער מוז געשאפען ווערען דער ארגאן, אויף וועלכען מיר ווארטען שוין אזוי לאנג. ווען דיעזע ערווארטונג וועט ערפילט ווערען און אין די אגודות וועט אריינגעטראגען ווערען א נייער לעבען, דאן ערסט דארף צונויפגערופען ווערען א גרעסערער צוזאמענפאהר (אויף דיעזען צוזאמענפאהר זיינען געווען פארשטעהער נאר פון די גרעסערע אגודות. די קלענערע אגודות זיינען דא גאר ניט געווען פערטרעטען), אויף וועלכען עס וועט אויסגעקליבען ווערען א שטענדיגער צענטראל-קאמיטעט און עס וועט געשאפען ווערען א פעסטע ארגאניזאציע. דערוויילע דארף נאר אויסגעקליבען ווערען אנ׳אינסטיטוט, וועלכער זאל די זאך ציגרייטען און ארגאניזירען. אזא אינסטיטוט קען אנגערופען ווערען ארגאניזאציאנס-קאמיטעט. דער צוזאמענפאהר האט דיעזע מיינונג אנגענומען. זיך זעלבסט האט ער ערקלערט פאר א פארבערייטענדען צוזאמענפאהר, און ער האט אויסגעקליבען אנ׳ארגאניזאציאנס-קאמיטעט, וועלכען עס זיינען איבערגעגעבען געווארען פאלגענדע פונקציאנען:

1) אונטערהאלטען די פערבינדונג צווישען אלע אגודות „פועלי ציון", וועלכע האבען אנגענומען אונזער פראגראם.

2) ספארען זיך געווינען נייע אגודות, וועלכע זאלען אנערקענען אונזער פראגראם.

3) ארויסגעבען דערוויילע פין צייט צו צייט ליטעראטור.

4) אויסזוכען די מיטלען צו גרינדען אשטענדיגען ארגאן,

5) צוגרייטען שפעטער אגרעסערען צוזאמענפאהר.

6) זעהען, אז אלע בעשליסען פין דעם יעצטיגען צוזאמענפאהר זאלען דורכגעפיהרט ווערען.

אויף דעקען די הוצאות פון ארגאניזאציאנס-קאמיטעט איז בעשטימט געווארען אגעוויסער טייל פון אלע הכנסות. וועגען די פערבינדונגען צווישען דעם ארגאניזאציאנס-קאמיטעט און די אגודות, ווייע אויך וועגען איינגע אנדערע פראגען זיינען אנגענומען געווארען בעשלוסען, וועלכע קענען נים פערעפענטליכט ווערען.

צום סוף האט זיך דער צוזאמענפאהר אבגעשטעלט אויף דער פראגע וועגען זעלבסטשוץ. נים קוקענדיג אויף איהר גרויסע וויכטיגקייט, האט דיעזע פראגע נים געדארפט בעהאנדעלט ווערען פרינציפיעל, ווייל אין קיין פונקט הערשט נים ביי „פועלי-ציון" אזא איינינקייט, ווייע גראד אין דיעזעם פונקט. פיר אלעמען איז קלאר אז פיר אונז האט די זעלבסט-פערטיידיגונג אגאנץ אנדערע בעדייטונג, אוידער פיר אלע פערשיעדענע רעוואלוציאנערען. יענע אינטערעסירען זיך טוט די פאגראמען נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויעפיעל די רעגיערונג ניצט זיי אוס, וויע אמיטעל אבצושוואכע די רעוואלוציע; דעריבער איז פיר זיי די זעלבסט־פערטיידיגונג וויכטיג נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויעפיעל דער מיט ווערט נעגעבען אגעוויסער ווידערשטאנד דער רעגיערונג. פיר זיי האט נאטירליך קיין זין נים צוצוציעהען צו דער זעלבסט פערטיידיגונג אזעלכע עלעמענטען פין יודישען פאלק, וועלכע זיינען ווייט פון דער רעוואלוציע. אויסער דעם דארפען זיי זיך ביי יעדער פאגראם רעכענען דערמיט, פין וועמען די זאך שטאמט: האט עס ארגאניזירט די רעגיערונג, דאן, פערשטעהט זיך, איז מען מחויב צו שטעלען זיך אנטקעגען; האט אבער די רעגיערונג קיין שייכות נים דערצו, דאן דארף מען זיך נאך מישב זיין, צי איז כדאי ארויסצוטרעטען אנטקעגען אדער נים. פיר אונז אבער זיינען די פאגראמען קודם כל אנאציאנאלער אונגליק, אנאציאנאלע בעליידיגונג, און דעריבער קוקען מיר אויך אויף דער זעלבסט־פערפיידיגונג, ווי אויף א נאציאנאלע זאך, צו וועלכער מען דארף זעהען צוציעהען וואס מעהר יודען. מיר פעראייניגען זיך אויף דעם גערן מיט אלע יודען, וועלכע זיינען גלייך מיט אונז נעגרייט איינצושטעלען זייער לעבען פיר די זיכערהייט פון פאלק, פיר אונזער נאציאנאלער עהרע. אונז מאכט גאר נים אוים, ווער עס האט דעם פאגראם ארויסגערופען. צי די אדמיניסטראציע האט גערונגען חוליגאנעס זיי זאלען אויף אונז אנפאלען, אדער די חוליגאנעס האבען דאס געטאן מיט'ן אייגענעם ווילען, דאס איז פיר אונז אלץ איינס: אז מען שלאגט אונז, דארפען מיר געבען צוריק, מיר דארפען ענטפערען מיט געוואלט אויף נעוואלט, ווער די אנפאלער זאלען נים זיין. און אז ארגאניזירטע קריסטליכע ארבייטער נוצען אוים די מאכט פון זייער ארגאניזאציע אום ארויסצושטויסען אונז פון פאבריק,*) זיינען זיי פיר אונז

---

*) אזעלכע זאכען קומען פאר טאג טעגליך אין ביאליסטאקער ראיאן, וואו די ארגאניזירטע ארבייטער האבען פריהער מיט געוואלט ארויסגעשטויסען פון

דיזעלבע גראמילעס, געגען וועלכע מיר דארפען קעמפפען אויף לעבען און טוים. און מאמער וואלמען די יעצטיגע רוסישע סאציאליסטען, אזוי ווי זייערע פארגעננער אין די אכציגער יאהרען, געפינען פיר זיך אן אינטערעס אין די פאגראמען, וואלט דאס אויף א האר נים אומגעבישען אונזער מאקטיק: מיר וואלטען דאן אויך געקעמפפט נעגען די פאגראמען מיט דערזעלבער ענטשיעדענהייט, ווי יעצט.

היינט וויעבאלד די זעלבסט־פערטיידיגונג האט פיר אונז א בעזונדער בעדייטינג, דארפען מיר, פערשטעהט זיך, אומעטום זיין די ערשטע און ווי ווייט מעגליך אריינגעהמען די זאך אין אינזערע הענד. דא זיינען ביי אונז ניטא קיינע פערשיעדענע מיינונגען, און דעריבער איז וועגען דעם נים אויסגעקומען צו ריידען פיעל אויפ'ן צוזאמענפאהר.

עס איז פארגעלייגט געווארען, אז די זעלבסט־פערטיידיגונג זאל ביי אונז אנגעהמען א מעהר אגריסיווע (אנפאלענדע) מאקטיק, דאס הייסט, אז מיר זאלען זיך נים בעגונגענען מיט דעם ווידערשטאנד, וועלכען מיר ווייזען ארויס אין דער צייט פון פאגראם, נאר מיר זאלען אוך אנווענדען געוויסע קאמפפס־מיטלען נעגען די פערשיערענע העצער און אויפרייצער, און נים נאר לאחר המעשה, נאר אויך פריהער, כדי צו שטערען זיי אין זייער מערדערישער ארבייט. דער צוזאמענפאהר האט געפינען פיר איבעריג אנצונעהמען וועגען דעם א פעסטען בעשלוס. ער האט איבערגעלאזען די ארטיגע קאמיטעטען, זיי זאלען אין יעדען איינצעלנעם פאל אנווענדען די מאקטיק, וועלכע איז בעסער אנגעמאסטען צו די בעדינגונגען פון ארט און צייט. דער צוזאמענפאהר האט נאר אנגענומען פאלגענדע 2 רעזאלוציעס:

א) די ארגאניזאציעס פון „פועלי ציון" דארפען אומעטום נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע פון שאפען אזעלבסט־פערטיידיגונג, און זיי דארפען זעהען צו צוציהען צו איהר אלע קרעפטען פון יודישען פאלק.

ב) דער ארגאניזאציאנס־קאמיטעט דארף זעהען, ווייט דאס איז פיר אידם מעגליך, צו גרינדען אן אלגעמיינע קאסע פון זעלבסט־פערטיידיגונג, און די אגודות דארפען איהם אין דעם אונטערשטיצען.

דער צוועק פון דער קאססע איז צו געבען הילף די שטעדט, וועלכע האבען נים קיין אייגענע מיטלען אויף זעלבסט־פערטיידיגונג.

נאך דעם איז געהאלטען געווארען א קורצע שלוס־רעדע, און דער צוזאמענפאהר האט זיך געענדיגט.

3 טעג האט דער צוזאמענפאהר געדויערט, און די גאנצע צייט איז פערבראכט געווארען אין ניצליכער ארבייט. מען האט נים פערלארען קיין צייט אויף מאנעסארדנינג, געשעפטסארדנינג און נאך אזעלכע ענינים פון נייטמאדישען

די פאבריקען די פריען און דערנאך האבען זיי זיך גענומען צו די יודען. אזא מעשה איז אויך פארגעקומען מיט איינינע יאהרען צוריק אין ווילנא. דער „בונד" האט דאן א פינגער אן א פינגער נים אקלאפ געטאן, אים צו פערטיידינען די אינטערעסען פון די יודישע ארבייטער. ער האט נאר ארויסגעלאזען א פראקלאמאציע, אין וועלכער ער האט ערקלערט, אז די קריסטליכע ארבייטער, וואס טוען דאס, זיינען נאך נים קלאסן־בעוואוסט. דערמים, הייסט עס, האט ער די יודישע ארבייטער געטרויסט. נאר די זעלבסט־פערטיידיגונג פון „פועלי ציון" האט זיך דאמאלס איינגעשטעלט פיר די יודישע ארבייטער און האט זיי געהאלפען.

פארלאמענטאריזמוס, דערפאר אבער האט מען קיינעם ניט בעשרענקט די צייט פון ריידען, יעדערער האט געהאט די מעגליכקייט פריי ארויסצוזאגען זיינע געדאנקען. די פע־האנדלונגען האבען געטראגען זעהר אנ'ערנסטען חאראקטע־, מען האט יעדערען אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. קיינער האט דא ניט ארויסגעוויזען קיין עקשנות. פערקעהרט, יעדערער האט זיך געסטארעט פערשטעהען דעם צווייטען. ביי אלעמען איז געווען שטארק דער וואונש צוזאמענצוריידען זיך צווישען זיך און קומען צו א געמיינשאפטליכען בעשלוס. אלע האבען געפיהלט, אז פון דיעזעס צוזאמענפאהר־ הייננט אב זעהר פיעל, ווייל דא דארף אוועקגעלייגט ווערען דער פונדאמענט פון דער ארגאניזאציע „פועלי ציון", וועלכע הייבט אן פון דאס ניע צו זאמלען איהרע קרעפטען נאך דעם איבערגעלעבטען קריזיס. דעריבער איז אלעמען געווען אזוי טייער דער רעזולטאט פון אונזער יעצטיגען ציזאמענפאהר, פיר אלעמען איז געווען אזוי וויכטיג, אז מיר זאלען זיך ניט פאנאנדערפאהרען מיט גארנישט. און אז דיעזער הייסער וואונש פון אלע אנוועזענדע איז ערפילט געווארען, עס איז דערגרייכט געווארען די געווינשטע איינינקייט, און די וויכטיגסטע בעשלוססען זיינען אנגענומען געווארען אלע איינשטימיג, האט דאס ביי אלעמען ארויסגערופען א שטארקע בעגייסטערונג. אלע האבען געפיהלט, אז מיר האבען דעם מאל זעהר פיעל אויפגעטאן. די שטימונג איז געווען א געהייבענע, און מען איז זיך פאנאנדער בעגאנגען מיט זעהר גיטע האפנונגען.

סיון תרס״ה.

אין אונזער פערלאג איז ארויסגעגאנגען:

„דאס נייע לעבען" אָרגאַן פון דער יודישער טעריטאָריאַליסטישער ארבייטער-פארטיי. № 1. פרייז 50 קאָפּ

דער יודישער ווירקונגס-קרייז אין די פּאָליטיק. פרייז 7 קאָפּ.

דער פאַרבערייטענדער צוזאַמענפאָהר פון פועלי-ציון. „ 5 קאָפּ.

עס דרוקט זיך:

Объективный ходъ исторіи и территоріальнос рѣшеніе еврейскаго вопроса (переводъ съ еврейскаго).

Національзмъ и соціализмъ (переводъ съ еврсйскаго).

---

דער הויפט-לאגער פון אונזערע אויסגאבען געפינט זיך ביי האלפערן און ראבינאוויץ, בוכהאנדלונג און לאגער פון יודישע, העברעאישע און רוסישע ביכער און צייטונגען אין מינסק.

---

מיט בעשטעלונגען צו ווענדען זיך לויט דער אדרעס:

Книжный магазинъ М. Гальперна Минскъ--губ.